# ר׳ מנחם דר שווארץ וואלדר

דא ווערט דר ציילט איינע וואונדרליכע געשיכטע
פון איין געוויסן מנחם וועלכר עס איז געווען איין
עובד האדמה ווי ער האט נושא חן געווען בעיני
הממשלה. אונ ווי ער האט דורך זייני גוטע
אויפפירונג בקומען איין גרויסע (פריוויליגיום) פון
דעם מלך וואס האט דאמאלס געהערשט אין דער
שטאט באגדד. עס איז צו ווינשן אז מען זאל
זיך פון אים אב לערנן. ויקוים בנו: יגיע כפך
כי תאכל אשריך וטוב לך אשריך בעולם הזה
וטוב לך לעולם הבא:

## וואר שא

Менахемъ Шварцвальдеръ
Въ типографіи Н. Д. Зисберга. Варшава, улица Францишканская № 9; 1875.

1855
1/68292

1/68292



ויהי אונ עס וואר פרציטן האט געהערשט אין דער שטאט
באגדד אין גרוסר סאלטן . (ולו בן יחידי) אונ ער הט
גהאט נאר איין איינציגן זון וואס מען הט אים גרופן (עבדואל
אל גאבים) . ער איז גוועזן זייער שיין אונ קלוג אונ אויך
זייער גוט אונ דער פאטר הט אים זייער ליב גהאט אונ
גליבט ווי זיין גאנץ לעבן . דיזער יונגה הער האט זיך מיט
קיין זאך נית גוואלט בשעפטיגן מער נית ווי מיט געיעג :
גאנצע טעג פלעגט ער צו פאר ברענגען אין דעם שווארצ
וואלד וואס עס איז איין מייל גוועזן ווייט פון באגדד . ער
מיט זיינע יונגע געזעלן פלעגן דארטן צו שיסן רייבן אונ
הירשן אונ נאך אלער האנד ווילדע חיות . זייא פלעגן צוא
פר ברענגען אונ וואלד אפט עטליכע טעג נאך איינאנדר .
אונ פלעגן צו נעכטיגן דארטן ביי איין יוד וואס האט דארטן
גוואוינט . דען אין יענע לענדר בשעפטיגן זיך אונזערע יודין
זייער פיל מיט עבודת האדמה אונ מיט אנדרע האנד ארבייט
אונ זענן זייער בעליבט ביי דר הערשאפט . דיזר יוד האט
גהייסן (מנחם בוסתנאי) ער האט גהאט אין דיזן וואלד
זייער פיל פעלדר . אונ וויין גערטנר אונ אויך זייער פיל שאף :
ויהי לו שבעה בנים ובנות) ער הט גהאט זיבן זין אונ טעכטר
אונ איינגע קנעכט אונ אלע האבן זיך עוסק גוועזן אין
ווירטשאפט אונ האבן גלעבט זייער גליקליך אונ רוהיג . ער
הט גוואוינט זייער גראם אונ ריין אונ נאר אן זארגן . ער
איז גוועזן זייער פרום אונ גוט אויך :
וגם קרם בלחמו כל נודד) אונ האט אויך יעדן רייזענדן
וועלכר עס איז נאר פר ביי זיין הויז גפארן אדר גגאנגן .
איז ער צו פאר גקומן מיט זיין ברויט אונ האבר אונ האט
אויך דר נאך אים בגלייט איין פאר מייל נאר אן אונטר שייד



Дозволено Цензурою
Кiев 24 Декабря 1874 г.

צו דער ביזונדר אז איין זוך אנדערע איין קריסט . אנדער איין
מאהעמעדאנער . דען ער איז געוועזן איין איש צדיק וישר אונ
איין ירא אלהים באמת . אונ ער איז געוועזן איין טוב לכל .
צו דיזן יונגן פלעגט אלע מאל דיזר יונגר הער עבדואל צו
פארקערן אונ נעכטיגן מיט זייני יונגע געזעלין . אונ דר מנחם
פלעגט זיי אנטפאנגן זייער פריינדליך חאטשי ער האט ניט
געוואוסט ווער זיי זענן . ער פלעגט זיי אויך געבן מיט ברויט
אונ מילך . פוטר אונ קעז אונ מיט אלרלייא גארטן פריכטע .
אונ ביי נאכט פלעגט ער זיי אוים בעטן הייא אונ שטרוהא
ביי זיך אין שייער אונ די יונגע הערן פלעגן זיך דר פון זייער
צו פרידן . ביז יענעם מאל הט געוואלט דער יונגר הער
עבדואל אים בצאלן אבר דער ייד האט בייא אים ניט גנומן
אנגראשן . אונ הט אפילו ביי אים ניט גפרעגט און ווען
ער געהערט אן . דען ער פלעגט אימר צו זאגן מען דארף
יעדן מענש מענשליך צו בהאנדלן ער מעג זיך זיין פון גרויסן
אדר קליינם שטאנד . אונ דס איז דעם יונגן הערן עבדואל
זייער געפעלן אונ הט דעם מנחם ליב געהאט ווי זיין לעבן .
אים פלעגט ער צו רופן פאטר אונ זיין פרוי פלעגט ער צו
רופן מוטר אונ מיט זייערע קינדר פלעגט ער זיך באגיין ווי
איינר פון דר משפחה . אונ אזו האט עס געדויארט אצייט
מיט יארן אונ דער מנחם מיט זיין ווייב האבן ליב בקומן
דעם יונגן עבדואל ווי זייערע אייגינע קינדר . זיי האבן
גזארגט פר זיין געזונד . אונ האבן בהאלטן פר אים דעם בעסטן
ביסן . אונ דיזר עבדואל האט מורא געהאט אום צו זאגן פר
זיי זיין גרויסן שטאנד כדי זיי זאלן זיך ניט פאר אים שרעקן
אונ שעמן פר אים מיט גרוים פחד אונ עהרע . ווייל עס
זוא זייער פיל שטערן אין זייער ארבייט אונ אין אירע





ווירטשאפט

ויהי ברבות הימים אונ עס וואר אין אלאנגע צייט צוריק
איז נישטארבן דער סולטאן אבדעלם פאטר אונ דער
אבדועל איז געווארן אסולטאן אין שטאט אים אונ האט אן
געהויבן צו הערשן איבר באגדאד אונ אלט בבל אונ איבר
נאך אנדערע לענדר . אונ פון יענר צייט אן הט ער שון אויך
געהערט צו בזוכן דעם שווארצן וואלד . דען ער האט שון
געהאט וויכטיגרע געשעפטן אידר צו רייזן אין וואלד אונ צו
שיסן איין בער אדר אליב . ער הט זיך זייער פרנומן מיט
רעגירונגס געשעפטן אונ אויך מיט מלחמות אונ האט זיך
גאר פר געסן אין זייני אלטע פריינד אין דעם מנחם אונ אין
זיין ווייב . אלאנגע צייט האבן זיי גאר ניט געוואוסט וואס עס
איז געווארן פון דיזן יונגן הערן . אונ האבן זייער גזארגט
איבר אים . אפטמאל פלעגט דעם מנחם ווייב וואס מען האט
איר גרופן הנה זייער שטארק צו וויינען אז זיא פלעגט זיך דר
מאנען אן אים . אונ פלעגט צו זאגן צו איהר מאן . עס קאן
אנדערש ניט זיין אז איין בייזע חיה הט אים צו ריסן זאנסט
וואלט ער גוויס צו אונז גקומן . עס טוט מיר לייד אום דיזן
יונגן מענשן ער וואר אזוי גוט אונ האט אונז אזו גליבט אונ
מיר האבן אים שון גרעכנט פר איין אייגענם . ניין מיין מאן
איך קאן עס ניט אוים האלטן מייני אוגן טריקענען מיר ניט פון
צער . טוא מיר צו ליב אונ זאטל דיין אייזל אונ פאר אוועק
אין שטאט פלייכט וועסטו דער וויסן איינם פון זייני קנעכט
אדר פון זייני קאמראדן :

(ויען האיש ויאמר) אונ דער מנחם זאגט איך האב עס שון
אויך לאנג אזו גדענקט דען איך קאן דיזן יונגן הערן ניט
פר געסן ווי איין אייגענעם קינד . אונ דיזר מנחם הט געזאטלט

זיין אייזל אונ איז אוועק גריטן קיין באגדד . ער הט דארטן הארה גריטן געליבי באטן אונ הט ניט אן גטראפן ניט איינם פון אבדועלס געשעפט . ער הט ניט געוואוסט אפילו וואו אויף אים נאך צו פרעגן אונ הט שון געוואלט זיך אום קערן אהיים מיט נישט . מיט איין מאל איז אבר געווארן א ראם אין שטאט אז דר סולטאן הט געגעבן א בפעל אז מען זאל קיינם פון שטאט ניט ארויס לאזן דרייא טעג נאך איינאנדר ווייל ביי דעם סולטן איז איין זון גבארן געווארן . אונ אל וואס זענען יעצט אין שטאט זאלן די גאנצי דריי טאג ארעגעלין אין זיינם גארטן טראקטירט ווערדן . אלזוא איז אונזר מנחם געבליבן די גאנצי דרייא טאג אין שטאט :

ויהי כבואו אל גן המלך) אונ עס וואר ווי ער איז גקומן אין דעם קעניגס גארטן הט ער זיך זייער פרוואונדרט צו זעהן . אז דער יונגר הער עבדואל איז דאס דער סולטן ער הט ניט געוואלט גלויבן זייני אויגן ביז וואנן ער הט דארט דער קענט איינם פון זיינע קנעכט אונ ער האט אים שון די זאך גווייס גמאכט אז עבדואל איז איין זון פון דעם אלטן סולטן אונ יעצט נאך זיין פאטרס טויט איז ער געווארן אליין איין סולטן . דער קנעכט האט אים געוואלט צו פירן צו דעם אבדועלן . אבר דער מנחם הט ניט געוואלט אונ הט געענפרט ניין פיין בעסר ניט אצונד איז די צייט זיך מיט אים צו זעהן . ער הט אצונד גרעסרי געסט ווי איך בין . נאר גנוג מיר פרייט עס זייער אז איך בין גוואר געווארן אז ער לעבט אונ איז גליקליך גיב אים אן כבוד אין מיינם נאמן אונ איך וועל זעלבסט ביי אים אין קורצן זיין . אונ עס וואר ווי דיא דרייא טאג זענען שון פאר איבר גגאנגן האט ער זיך אום גקערט אהיים אונ האט דער ציילט זיין פרוי אז עבדואל

לעבט



לעבט אונ איז הער הינטער סולטן אונ האט ער אליין האט אים געזעהן . האט זיא זיך זייער דער פרייט אונ הט גדאנקט אונ גלויבט דעם איבערשטן אז ער לעבט נאך אונ איז צו גליקליך . ניין זאגט זיא איך קאן ניט רואן ביז וואנן איך וועל אים מיט מיינע אויגן זעהן איך מוז אים אויס הידן ווארום הט ער אן אונז אזו גאר פר געסן . אונ אלזוא הט זי אבר קאן ניט גראסט רואן ניט אנדערש מען מוז זיך גיין זעהן מיט דעם עבדואל :

ויהי היום) אונ עס וואר איין גוויסר טאג האבן זייא זייער ריין אן גטאן אונ דער מנחם האט מיט זיך גנומן א קארביל מיט שיינע גורקן אונ ריבן אונ אפאר קעזין דיזע אלי זאכן פלעגט דר אבדועל זייער צו ליבן . אונ זענן אוועק גפארן אין דער שטאט באגדד . אונ האבן זיך גשטעלט פר דעם הויף פון סולטאן . האט זיי גפרעגט דער פעציר צו וועמן דארפט איר ווען איר ווילט אפ געבן איין בישריפט קענט איר עס מיר אב געבן . האבן זייא גיענפרט ניין מיר דארפן האבן צו אים אליין . איז דר פעציר געגאנגן צום סולטן אונ האט אים דר ציילט אז צוויי יידישע בויארן איין מאן מיט איין פרוי פרלאנגן מיט אים צו שפרעכן . האט דער סולטן גהייסן מען זאל זיי תיכף ומיד אריין לאזן . דען ער האט שון פר שטאנען ווער זיי זענען :

ויהי כראותם) אונ עס וואר ווי ער האט זיי דער

זעהן

ועהן האט ער זיך זייער דער פרייט און האט
זייא אנטפאנגן מיט דיא גרעסטע פריינדליכקייט :
און די חנה האט אים אויס גרעט . און האט אים
גזאגט . אזוי מיין טייערער פריינד האט זיך שון אן
אונז גאר פר געסן צוויא יאר האב איך אייער כבוד
בחייגט איך האב געגלויבט אז עס איז עפים אין
אומגליק גישעהן . און איצט פרייען מיר זיך זייער
דאס מיר זעהן אייער טייערן כבוד געזונטערהייט
נאר עס קרענקט מיך וואס מיר האבן גזינדיגט אז
מען הט אונז קיין ידיעה נים גיגעבן אז אונזר פריינד
איז הם דער סולטן גיווארן . דאך אבער איז אונזער
הערץ גבליבן טריא אונזר אלט פריינדשאפט אין
מיר האבן גבראכט בייא אונזר בעזיך אקליינן
געשענק . איינגע גורקן און קעז וייל מיר וייסען
אז דאס פלעגט צו זיין אייערע בעסטע שפייזן . און
דער מנחם האט אים דער לאנגט דעם קארב . מיט
פריידנטרערן האט דער סולטאן דיזען פרעזנט
אמפאנגן . ער האט זיך מיט זייא געזעצט צום טיש .
מען האט דער לאנגט די בעסטו שפייזן און דעם
קעסטליכן וויין :
(כטוב לבם ביין) און ווי זייא זענן אביסל פרייליכר
גוואהן . האט דער סולטן בייא זייא נאך
געפרעגט אויף יעדן קינד וואס ער מאכט . און





איבר זייער ווירטשאפט זעלבסט [illegible]
דיינרשאפט . ער האט זייא דרציילט וואס פר איין
טרד ער איז זינד ער איז איין סולטן גווארן . ער הט
פרגעסן אן אלע זיינע אנגענעמליכע פערגנגן אן אלי
זיינע שפיל קאמראדן . און האט זיי פארגהאלטן פר
ווס האבן זייא אים ניט בעזוכט ביז יעצט און האט
זייא פרזיכרט דאס זיינע ליבע צו זיי האט נאך ניט
אויפגעהערט בכן פרלאנגט ער אז זיי זאלן בייא אים
זיצן אפאר וואכן און זאלן זיך גוטליך טאן :
(וישבו אתו כעשרה ימים) און זייא זענן בייא אים
געזעסן איין ערך פון אטאג צעהן בכבוד גדול
און דער יונגר סולטאן האט זייא אויסגוויזן אלי
סגולות מלכים , און אז זיי האבן שוין גוואלט אוועק
פארן . הט ער זיי גוואלט מיט פעריל און בורלאנטן
בשענקן האבן זייא ניט גוואלט צו נעמן און האבן
גזאגט דעם סולטאן מיר האבן אצוואה פון אונזרע
עלטרן אז קיין צירונג טאר ניט אריין אין אונזר
הויז . זייא זאגן אז פעריל און בורלאנטן זענן נאר
בשאפן פר בני מלכים . אבר פר אנלאטן מענשן
איז דאס גאר איין אומגליק . דען דיא ווייבר וועלכע
עס טראגן ווערן דורך דעם בייא זיך גרוים און
שעמן זיך שוין צו טאן דיא ווירטשאפט אין שטוב
און דר מאן בקומט דורך דעם מער ניט ווי שונאים .

מען שטעלט אים דאפיר גרוסי ערמות דען מען
מיינט אז ער איז אנגביר אונ אין נויט פר וועצט ער
דיא פעריל אויף ברויט. אונ אז עס קומט יום פ...
אונ מען קען נים ארויס נעמען וויינשט דיא וויב זיך
דעם טויט. אונ ווידר. איין הוצאה ברענגט דיא
אנדרי הוצאה. צו פעריל דארף מען גיין לייטיש אן
גטאן אונ מען דארף זייער לייטיש זיך אויף פירן
וויא איני ארדנטליכע ווירטן שענקט איין זעקסר
צום בייא שפיל דעם בטליר אדר דעם בדחן אויף
איין חתונה דארף שוין געבן איני פרויא וואס זיא
איז איינע פעריל טרגרין איין גולדן. אונ ווען זיא
בגייט זיך אנדרש האלט מען זיא פיר איין גראב
מענש. אויך ווערן אזעלכי פרויען אין דער וועלט
זייער בערעט אונ אז זיא גייט אין גאס קוקען אויף
איהר די אנדרי אונ דר ציילען אלי איהרע חסרונות.
אנדרי זאגן נאך אז איר פאטר האט אמאל גדינט.
אונ דער זיידע איז גיוועזן אשטראז. ווען נים דיא
פעריל האלט מען שוין אפשר לאנג דאס פר געסן.
קורץ דער פון אונזרע עלטרן האבן אונז גוט געגעבן
צו פר שטיין אז פעריל אים הויז מאכט נאר פרדראס.
אונ בייא איינם בראפן ווירט איזט דאס נאר איין
הוסטר נוס. ניין אונזר טייערד אברהעל מיר ווילן
נים קיין פעריל אונ קיין בורלאנטן אונ ווען איידע

גיטע



גיטע איז אונז זיא מיט עטוואס צו בעשענקן וויל איך
איין מאל איין סולטאן נענט. אזוי זאלט איך אונז
בעסר געבן אגוטע שטיק פעלד מיט וואלד אונ
עטליכע גוטע בהמות דאמיט ווערן מיר אונזרע
ווירטשאפט פיל פר בעסרן:

ויטבו בעיני הסולטן הדברים אלה) אונ עס איז דעם
סולטן זייער געפאלן זיינע רייד אונ האט זיא
בשאנקן מיט הונדרט מארגנס ערד אונ פופציג
מארגנס וואלד. אונ האט זיא געגעבן הונדרט שטיק
בהמות אונ זייער פיל שאף אונ האט זיא אוועק
געשיקט אהיים לשלום מיט גרוים פרייד. אונ האבן
געלעבט זייער פריליך מיט איהר גאנצע פאמיליע.
דען ידער אויבר שטר האט זיא געבענשט מיט אלם
גוטן פאר זייער גוט הארץ אונ עס האט זיי נים געפעלט
קיין זאך אין זייער גאנצן לעבן:

והקול נשמע בכל הסביבה) אונ דר וייל האט מען אן
גהויבן צו הערן אין דעם גאנצן אומגעגנד אז דר
סולטאן איז איין זייער הייפליכר מאן פר איין קארב
אוגערקעס האט ער איינם יודן בשאנקן מיט זייער
פיל לאנד אונ פיך:

ויועץ אחד מנשיאי הערבים) האט זיך מישב גווען
איינר פון דיא ארבישע שרדות אונ האט בייא
זיך אזוי גקלערט. ווען פר אקארב אוגערקס האט

ער

ער באשענקן איהם יוהן אזוי פיל לאנד אונ פך .
היינט וויא פיל וועט ער עס מיר בשנקן ווען איך
וועל איהם שנקן איין טייערן ארבשן פערד :
ויחשבו בלבו) אונ וויא ער האט געדענקט האט ער
אזוי גמאן . ער האט אויס גקליבן דעם
בעסטן פערד אונ האט עס גמאכט פר איין גשאנק
דעם סולטן אונ דער סולטן הט עס זייער פריינדליך
אן גנומן אונ האט גדאנקט :

ויחכה הערבי על משאת המלך ימים רבים) אונ דה
ארבישע שרה האט גווארט פיהל טעג דאס
דער סולטן זאל איהם עפיס רעכטס צו ריק אבשיקן
אבר מאן הרט ניט אונ מען זעהט ניט קיין לעבנדיגן
מענש פון שטאדט צו איהם אין דער שטוב קומן .
ער פלעגט צו זיצן אויף דעם שפיץ פון איינר
(מינערט) דאס איז איינע טירקישע קירכע אום צוא
זעהן פון ווייטן טאמר פארט איינר פון סולטאנס
היף צו איהם מיט איין פרעזנט אבר עס לאסט זיך
נימאנד זעהן :

ויהי כראותו כי ארכו לו הימים) אונ עס וואר אז עס
איז איהם שוין לאנג גווארן צו ווארטן הט ער
גשריבן אבריף צו דעם סולטאנס פעציר אז ער זאל
פון זיינט וועגן דער מאנן בייא דעם סולטאן דאס
ער זאל איהם עפיס אב שענקן . אונ דיזר בריף הט





גווערקט דען עס דויערט ניט לאנג אונ דר ארא ב
הט שוין גזעהן פון ווייטן וויא עס פארט צו איהם
איינע סולטאנסקי קארטע . גשווינד איז ער אראפ
פון דר (מינערט) אונ איז גנאנגן אקעגן דר קארטע
אונ הט זיא ארוף גפירט צו זיך לעבן זיין גיצעלט :

וישמח לראות) אונ ער האט זיך גפרייט צו זעהן אז
איינר פון די גרעסטע פעצירן דם סולטאנס אן
גמאן אין גאלד אונ אין זילבר איז ארויס גנאנגן פון
קארטע אונ האט איהם דער לאנגט איין קערבעלע
איינגוויקעלט אין איין זיידנע מיט גאלד אויס גנייטע
פאציילע . אונ האט איהם גזאגט דיזע ווערטר . דער
סולטן האט אייך אבגשיקט איין פריזענד פר אייערם
טייארן פערד . דיזר פריזענד קאסט איהם איינינגע
טויזנד טאלער ער בעט אייך אז איר זאלט עס בייא
אייך אויף אימר דער האלטן צום אייביגן אנדענקן .
דען ער האט דאס בקומן פון זיין בעסטן פריינד אונ
דער וועלד . איר זאלט דיזן קארב עפנן ערסט אונ
דרייא טאג ארום נאך דעם אז איר וועט פר בעט
צו זיך אלי גרויסי לייט וואס וואוינען עטליכע מייל
ארום אייך . דען דער סולטן וויל אז איר זאלט גרויס
כבוד איין נעמן . אונ וויא דער פעציר האט דיזע
ווערטר גענדעט איז ער זיך צוריק אוועק גפארן נאך
דעם אז דער אראבר הט איהם זייער גדאנקט :

וימהר הערבי לקרא אליו) אונ דער אראבר הט
גשווינד צו זיך צו זאמן גרופן אלע זיינע
שכנים דיא גרויסי לייט אונ אין דריי טאג ארום האבן
זייא זיך שון אלי צו זאמן גקליבן, דיא דרייא
טאג זענן גוועזן פאר אים איינע אייביגקייט.
ער האט קוים דער לעבט דעם דריטן טאג האט
ער גמאכט איין גרויסן מאל צייט:

וכתוב לבו בין) אונ אז ער איז פרייליך גווארן
פון משקה. ואמר להביא את הסל) האט
ער גהייסן ברענגן דיא קארב. ער האט איך
געפענט מיט גרויס פאראד. אונ וואס האט ער
אין איר געפונין עטליכי גורקען. איין פאר רייבן
איינגע קעזליך אונ דער בייא לוגט איין צעטל
מיט איין רעכנונג וויא פיל וואלד אונ פעלד. אקסן
אונ שאף האט דער סולטאן דאפיר בשאנקן דעם
יודן מנחם. דער אראבר וואר זייער פרשעמט
אונ האט ערשט פרשטאנגן אז ער האט זייער
נאריש גטאן וואס ער האט זיך גאר אן גהייבן מיט
דעם סולטאן. פר שאנד הט ער זיך פר קיין מענש
גוויזן אונ פון יענר צייט אן הט מען אים שון מער
ניט אונ דר שטאט באגדאד גזעהן:

והסולטאן צוה) אונ דר סולטאן הט גהייסן אז מען
זאל דעם פערד וואס ער הט אים גשענקט



דר אראבר אוועק שיקן צו זיינם פריינד מנחם מיט
איין (פריווילגיום) דס הייסט מיט דיא ערלויבניש אז
ער אונ זייני גאנצי פאמיליע לדורי דורות מעגן
רייטן אויף איין פערד. מיטן אונ דר שטאט באגדאד
דען אונ יענע צייטן וואר די יודן דארטן ניט ערלויבט צו
רייטן אויף איין פערד דיזער מנחם הט גלעבט זייער
גליקליך אונ האט גהאט נחת פון זיינו קונדער אונ
גרוס כבוד פון סולטאן אונ איז גשטארבן בשיבה
טובה:

ויצוה על בניו) אונ ער האט צוואה גלאזט זייני
קינדר. אז זייא זאלן זיין אין גאטס וועג. אונ
זאלן זיך גאר עוסק זיין אין עבודת האדמה. אונ
זאלן ניט פרלאנגן קיין מותרות דס איז קיין פעריל
אונ בודלאנטן אונ נאך עד היום איז זיין פאמיליע
דארטן זייער חשוב בייא יודן אונ ביי די אראבר:

ויתברכו בהם) אונ עס בענשן זיך מיט זייא אלע
מענשן וועלכי עס קענן זייא. דאס זעלבע
ווינש מיר יעדן פרומן אונ ערליכן מענשן. אמן:

ענדע